ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג
אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

נומער 4 (57) ✦ תשע״ג – 2012 ✦ זיבעטער יאַרגאַנג

# פֿאַרטײַטשן ייִדיש אין דײַטשלאַנד: אײַנדרוקן פֿונעם סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע לימודים

עדי מהלאל (ניו־יאָרק)

שוין 15 יאָר קומט אין דײַטשלאַנד פֿאָר אַ יערלעכער סימפּאָזיום (לסירוגין, טריר, דיסעלדאָרף), וווּ עס זאַמלען זיך צונויף כלערליי מומחים אינעם געביט פֿון ייִדיש. כּדי ניט צו מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן און אָנהאַלטן דעם הויכן ניוואָ פֿון די רעפֿעראַטן, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן – פּראָפֿעסאָר מאַריאָן אַפּרוט פֿון דיסעלדאָרף און פּראָפֿעסאָר שמעון נויבערג פֿון טריר – אײַנגעפֿירט אַ כּלל, אַז די באַטייליקטע זאָלן האַלטן זייערע רעדעס אָדער אויף דײַטש, אָדער אויף ייִדיש. אויף אַזאַ אופֿן באַקומט מען אַן אייגנאַרטיקע אייראָפּעיִשע סבֿיבֿה, אַנטקעגן די מער דאָמינירנדיקע אַקאַדעמישע צענטערס פֿון ייִדישע לימודים, און קודם־כּל, אין דער ענגליש־שפּראַכיקער צפֿון־אַמעריקע. אַזוי צי אַזוי, איז הײַיאָר דער סימפּאָזיום פֿאָרגעקומען אינעם הענריך הײַנע־אוניווערסיטעט אין דיסעלדאָרף, פֿונעם 3טן ביזן 5טן סעפּטעמבער.

כּדי צוצוגעבן אַ פֿאַקטישן באַווײַז לגבי דער גרויסער ראָלע וואָס ייִדיש, ווי אַ גערעדטע שפּראַך, שפּילט אויף דעם סימפּאָזיום, דאַרף מען בלויז אָנווײַזן, אַז פֿון די סך־הכּל זעקס־און־צוואַנציק רעפֿעראַטן, זיינען נײַן פֿון זיי (35%) געהאַלטן געוואָרן אויף ייִדיש. דאָס איז ניט קיין קליינער אויפֿטו. עס איז אַ סימן, אַז ייִדיש לעבט נאָך אין די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן און צווישן די סעקולערע




צוויי באַטייליקטע פֿון דעם הײַיאָריקן סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע לימודים
אין דײַטשלאַנד, פֿון רעכטס: יוסטוס פֿאַן דע קאַמפּ און גערנאָט יאָנאַס

שיכטן. אין איינעם מיט די רעדנער פֿאָרן זיך אַהין צונויף אַ שלל אַנדערע ייִדיש־מומחים פֿון מערבֿ־אייראָפּע, צו הערן די לעקציעס און פּשוט צו זײַן אַ טייל פֿון דער ייִדיש־סבֿיבֿה, וואָס ווערט דאָרט געשאַפֿן. למשל, יוסטוס פֿאַן דע קאַמפּ פֿון אַמסטערדאַם דעפֿינירט זיך ווי אַ „היסטאָריקער, לעקסיקאָגראַף, ייִדישיסט“. איך האָב די דאָזיקע זעלבסט־דעפֿינירונג גענומען פֿון זײַן צוויי־שפּראַכיק (ייִדיש און האָלענדיש) וויזיט־קאַרטל, וואָס ער האָט מיר געגעבן. הײַנט אַרבעט ער אויף אַ ייִדיש־האָלענדישן ווערטערבוך און ער שרײַבט אַ בוך מכּוח דער געשיכטע פֿון אייראָפּעיִשע ייִדן.

אַן אַנדער אינטערעסאַנטער מענטש איז מיכאל ראַק (קרעבס), „דער משוגענער גוי וואָס רעדט ייִדיש“, ווי ער אַליין זאָגט וועגן זיך. ער דערציילט, ווי אַזוי ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט ייִדיש נאָך אין די 1960ער יאָרן, דעמאָלט אַ „היפּי“ מיט לאַנגע האָר. ער איז גרייט יעדן איינעם צו דערציילן וועגן זײַן ריזיקער זאַמלונג פֿון דער ייִדישער פּרעסע.

דאָרט האָב איך זיך אויך באַקענט און געכאַפּט אַ שמועס מיט גערנאָט יאָנאַס, דער וויכטיקסטער איבערזעצער הײַנט פֿון שלום־עליכמס ווערק אויף

(סוף אויף זײַט 7)

# אַ טרויעריקער יובילײ

דעם 12טן אויגוסט 1952 זײַנען אין מאָסקווע דערשאָסן געוואָרן דרײַצן מיטגלידער פֿון דעם ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. דעם קאָמיטעט האָט די סאָוועטישע רעגירונג גע־שאַפֿן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ טייל פֿון דער ברייטער פּראָפּאַגאַנדיסטישער קאַמפּאַניע, געפֿירט אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. די ריכטונג פֿון דעם ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט איז געווען געצילט, דער עיקר, אויף אויסלאַנד – צו באַזאָרגן פֿאַרן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַן ענטוזיאַסטישע שטיצע מצד ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים. די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען דער וויכטיקסטער אַדרעסאַט פֿאַר די פּראָפּאַגאַנדיסטישע און פּשוט אינפֿאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן פֿונעם קאָמיטעט.

צו דער דאָזיקער אַרבעט זײַנען צו־געצויגן געוואָרן צענדליקער שרײַבער און זשורנאַליסטן; קודם־כּל די, וואָס האָבן געשריבן אויף ייִדיש. אַ טייל פֿון זייערע ווערק האָט מען געדרוקט אין דער ייִדישער צײַטונג „אייניקייט“, וואָס דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן. אַנדערע מאַטעריאַלן – אויף ייִדיש, רוסיש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן – פֿלעגט מען צעשיקן איבער דער גאָרער וועלט, זיי זאָלן אויסגענוצט ווערן אין דער אַלגעמיינער פּרעסע. אין ניו־יאָרק האָט זיך אַפֿילו באַוויזן אַן אייגענע צײַ־טונג מיטן זעלבן טיטל, „אייניקייט“. זי האָט געדרוקט סײַ אייגענע מאַטעריאַלן, סײַ די טעקסטן פֿון דעם ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט.

אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּ־קלאַנג האָט געהאַט די נסיעה פֿון צוויי טוער פֿון דעם קאָמיטעט: דעם אָנפֿירער פֿונעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער שלמה מיכאָעלס און דעם דיכטער איציק פֿעפֿער. אין יאָר 1943 האָבן זיי באַזוכט די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקע און גרויס־בריטאַניע. אַ דאַנק דעם וויזיט, זײַנען שטאַרקער געוואָרן די קאָנטאַקטן צווישן דעם קאָמיטעט און דעם ייִדישן אויסלאַנד. די דאָזיקע קאָנטאַקטן האָבן זיך ניט



פֿון רעכטס אויף לינקס: שלמה מיכאָעלס, פּאָל ראָבסאָן (זינגער) און איציק פֿעפֿער

באַגרענעצט מיט קאָמוניסטישע קרײַזן אין אויסלאַנד. ציוניסטישע קרײַזן זײַנען אויך געווען צופֿרידן מיטצואַרבעטן מיטן קאָמיטעט, ווײַל מע האָט געהאָפֿט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג וועט העלפֿן צו קריגן אומאָפּהענגיקייט פֿאַר ארץ־ישׂראל. ווי מיר ווייסן, זײַנען די דאָזיקע האָפֿענונגען געווען באַרעכטיקטע.

גלײַכצײַטיק האָט דער „פֿאָר־ווערטס“ ניט געוואָלט האָבן קיין משׂא־ומתּן מיטן קאָמיטעט און פֿון סאַמע אָנהייב אָן אויסגעלאַכט די דאָזיקע „מאַכערײַקע“ און די ייִדישע דעלעג־גאַציע. די צײַטונג האָט געטענהט, אַז זי שטיצט די רויטע אַרמיי, אָבער זעט ניט קיין טאָלק אין דעם קאָמיטעט, ווײַנע מיטגלידער זײַנען דאָך ניט קיין ייִדישע כּלל־טוער, נאָר מענטשן, וואָס די רעגירונג האָט אונטערגעקליבן פֿאַר אַזאַ טעטיקייט. און פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג האָבן זשורנאַליסטן פֿון „פֿאָר־ווערטס“ קיין גוטס ניט דערוואַרט. אַזאַ באַציִונג צום קאָמיטעט איז געווען כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פֿאַר דער צײַטונג, נאָר בכלל פֿאַר ייִדישע רעכט־סאָציאַליסטישע קרײַזן.

* * *

נאָכן סוף פֿון דער מלחמה, האָט דער ייִדישער אַנטי־פֿאַשיסטישער קאָ־מיטעט ניט אויפֿגעהערט צו עקזיס־טירן. הגם די אָפֿיציעלע פֿונקציעס פֿון דעם קאָמיטעט זײַנען פֿאַרבליבן ריין פּראָפּאַגאַנדיסטישע, האָט ער אַלץ מער געשפּילט די ראָלע פֿון אַ געזעל־שאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דאָך געווען די איינציקע אַזאַ ייִדישע קערפּערשאַפֿט אין לאַנד. אַלע אמתע

(סוף אויף זײַט 3)

# אַ טרויעריקער יובילײ

(סוף פֿון זײַט 2)

געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס זײַנען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד שוין לאַנג ליקווידירט געוואָרן. אַזוי אַז ייִדן האָבן זיך געוואָנדן צום קאָמיטעט מיט פֿאַר־שיידענע בקשות, וואָס זײַנען געווען ווײַט פֿון הילכות פּראָפּאַגאַנדע.

מיכאָעלס, פֿעפֿער און אַ צאָל אַנדערע מיטגלידער פֿון דעם קאָמיטעט האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פֿון שאַפֿן אַ ייִדישע רעפּובליק אין קרים. אין די 1920ער יאָרן איז קרים שוין געווען באַשטימט ווי אַן אָרט פֿאַר אַזאַ רעפּובליק, אָבער שפּעטער האָט מען פֿאַר ייִדן אונטערגעזוכט אַ „בעסער" אָרט – אין ביראָבידזשאַן. בעת די באַגעגענישן, וואָס מיכאָעלס און פֿעפֿער האָבן געהאַט מיט אַמעריקאַנער ייִדישע כּלל־טוער, איז קרים ווידער אַרײַן אין דעם סדר־היום. מע האָט געהאַלטן, אַז אין קרים וועט מען קענען באַזעצן די ניצול־געוואָרענע ייִדן, וועמען די מלחמה האָט אויסגעוואָרצלט פֿון זייערע שטעט און שטעטלעך.

די קאָנטאַקטן מיט אויסלאַנד, דער אַמביציעזער קרימער פּראָיעקט און, בכלל, די וואַקסנדיקע געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויקייט פֿון דעם קאָמיטעט – דאָס האָט זיך לחלוטין ניט געפּאַסט מיטן קלימאַט פֿון דער קאַלטער מלחמה. די ענטוזיאַסטישע רעאַקציע פֿון סאָוועטישע ייִדן, מיטגלידער פֿונעם קאָמיטעט בתוכם, אויף דער גרינדונג פֿון מדינת־ישׂראל, האָט געשטעלט די פֿראַגע פֿון „טאָפּלטער לאָיאַליטעט". אַזוינס האָט סטאַלינס מלוכה־אַפּאַראַט ניט געקענט דערלויבן. דער סאָוועטישער מענטש האָט געמוזט זײַן איבערגעגעבן נאָר צו איין לאַנד, איין אידעאָלאָגיע. איז געשען דאָס אומפֿאַרמײַדלעכע: אי דער קאָמיטעט אי זײַנע אַקטיווע טוער האָט מען ליקווידירט.

צי מיינט עס, אַז די מיטגלידער פֿונעם קאָמיטעט זײַנען געווען נאַיִווע מענטשן? אָדער זיי זײַנען געווען דרייסטע קעמפֿער קעגן סטאַלינס רע־זשים? לאַוו־דווקא. זיי, ווי אויך אַ סך סאָוועטישע אינטעלעקטואַלן, האָבן געגלייבט באמונה־שלמה, אַז דער נצחון אין דער מלחמה האָט געבראַכט אויך אַ נײַע, מער ליבעראַלע תּקופֿה פֿאַר סאָוועטישער געזעלשאַפֿט. אין דער אמתן, האָבן די דאָזיקע ליבעראַלע שטימונגען נאָר איבערגעשראָקן די שומרים פֿון דעם רעזשים.

צווישן די דרײַצן מענטשן, וועלכע מע האָט אומגעבראַכט דעם 12טן אויגוסט 1952, זײַנען געווען פֿינף ייִדישע שרײַבער – די צענטראַלע פֿיגורן אין סאָוועטישן ייִדישן קולטור־לעבן: דוד בערגעלסאָן, דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַר־קיש, איציק פֿעפֿער און לייב קוויטקאָ. הײַיאָר האָט מען די טרויעריקע דאַטע אָפּגעמערקט אין אַ סך שטעט – אין ירושלים, תּל־אָבֿיבֿ, ניו־יאָרק, באָסטאָן, לאָס־אַנדזשעלעס, לאָנדאָן, מאָסקווע, האַמבורג און אַנדערע. צו דעם דאָזיקן טאָג איז אין ענגלאַנד אַרויס אַ זאַמל־בוך, צונויפֿגעשטעלט פֿון ענגלישע איבערזעצונגען פֿון די אומגעבראַכטע שרײַבער: www.fiveleaves.co.uk.

* * *

צווישן די ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן געשמאַכט אין סאָוועטישע תּפֿיסות און לאַגערן, איז געווען אויך דער דיכטער יוסף קערלער (1918–2000). אין יאָר 1978 איז אין ירושלים אַרויס זײַן בוך „12טער אויגוסט, 1952". דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַ ליד, וואָס טראָגט דעם זעלבן טיטל:




אין דעם דאָזיקן טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג
פֿאַרשפּאַרן מיר שטאַרקער די פּײַן און
די קלאָג,
די פּײַן – אינעם האַרצן, די קלאָג –
צווישן ציין:
בערגעלסאָן,
מאַרקיש,
קוויטקאָ...
האָפֿשטיין.

זיי זײַנען געפֿאַלן אין מיטן דער נאַכט
און ס'האָט קיינער קיין טרייסט פֿאַרן
טויט ניט געבראַכט...

און די איינציקע שײַן וועלכע האָט זיי
געזאַלבט
איז געווען דאַן – דער בליץ פֿון דעם
רוצחישן זאַלפּ...

אין דעם דאָזיקן טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג
מײַן צעבלוטיקט געזאַנג הייב איך אויף
און איך טראָג –

מײַן ליד – אַ מצבֿה, מײַן האַרץ – ווי אַ ליכט,
נאָר איך וועל שוין, ווײַזט אויס, ניט
דערפֿילן מײַן פֿליכט –
ס'איז ניטאָ ווו צו שטעלן קיין ליכט און
קיין שטיין –
בערגעלסאָן,
מאַרקיש,
קוויטקאָ...
האָפֿשטיין.

## פֿאַר קלײן און גרױס

## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט
פֿון באָריס סאַנדלער

# ווי אַזוי אַ שנײַדערל איז געוואָרן אַ חזן

אין אַ קלײן שטעטל קאַפּרעשט איז אַ מאָל געווען אַ שנײַדערל, וואָס האָט זייער שיין געזונגען און געחלומט צו ווערן אַ חזן. איין מאָל רופֿט זיך צו אים אָן דער באַלעבאָס: „אַז דו וועסט מיר קענען פֿאַרנאַרן די חיות פֿונעם וואַלד מיט דײַן שיין זינגען, וועל איך דיך מאַכן פֿאַר אַ חזן".

דאָס שנײַדערל האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט: „גוט!" ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אַרײַן מיט אַ גרויס געזאַנג. גייט ער אַזוי אין וואַלד און זינגט:

זיצט אַ שנײַדער, נייט אין נויט
האָט קדחת, ניט קיין ברויט;
זיצט אַ שנײַדער, האַלט אַ נאָדל
און פֿאַרדינט קיין גראָשן גדול.



ער זינגט און זינגט, אָבער ער זעט ניט קיין שום חיות. האָט ער זיך באַטראַכט און זיך גענומען מאַכן אַ קליין שטיבעלע פֿון האָלץ, אַ קײַלעכיקס מיט אַ בוידעמל פֿון אויבן. און אַז ער האָט שוין געמאַכט פֿאַרטיק דאָס שטיבעלע, האָט ער אונטן אָנגעלייגט אַ סך פֿלייש, די טיר געלאָזט אָפֿן און אַליין אַרויף, און זיך באַהאַלטן אויפֿן בוידעמל.

זיצט ער אַזוי אויפֿן בוידעמל און זינגט:

זאָל איך זײַן אַ חזן,
האָב איך ניט קיין קול;
זאָל איך זײַן אַ שוסטער,
האָב איך ניט קיין אָל.

דערווײַל איז דורכגעלאָפֿן אַ הונגעריקער וואָלף, האָט ער באַלד דערשמעקט דאָס פֿלייש. קומט ער צו צום שטיבעלע און זעט, אַז די טיר איז אָפֿן, גייט ער אַרײַן און כאַפּט זיך צו צום פֿלייש. אַז ער איז געוואָרן זאַט, בלײַבט ער ליגן. קומט אַראָפּ דאָס שנײַדערל פֿונעם בוידעם און פֿרעגט אים: „וועלוועלע, ווילסט ווערן אַ טרעגער?" זאָגט דער וואָלף: „יאָ, אָבער כ'ווייס ניט ווי אַזוי". זאָגט דאָס שנײַדערל: „קום מיט מיר, כ'וועל דיר ווײַזן ווי אַזוי".

זײַנען זיי אַרויס אין דרויסן און דאָס שנײַדערל פֿירט צו דעם וואָלף צו אַ קופּע שטיינער און זאָגט: „וועלוועלע, דריי זיך אויס צו מיר מיט דער פלייצע, וועל איך דיר ווײַזן ווי אַזוי צו ווערן אַ טרעגער". האָט אים דער וואָלף געפֿאָלגט, זיך אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צום שנײַדערל. דערווײַל נעמט דאָס שנײַדערל אַ זאַק און פֿילט אים אָן מיט שטיינער. דעם זאַק בינדט ער צו מיט אַ שטריק צום וואָלפֿס פלייצע און אַליין אַנטלויפֿט ער. דער וואָלף האָט אים געוואָלט נאָכלויפֿן, האָט ער ניט געקאָנט. שטייט ער און שרײַט. נו, שרײַט ער!

דאָס שנײַדערל לויפֿט צוריק צו זײַן שטיבעלע, קריכט ווידער אַרויף אויפֿן בוידעמל און זינגט זיך:

זאָל איך זײַן אַ שוחט,
האַלט איך ניט קיין חלף;
זאָל איך זײַן אַ מלמד,
קען איך ניט קיין אַלף.

דערווײַל איז דורכגעלאָפֿן אַ הונגעריקער בער, האָט ער באַלד דערשמעקט דאָס פֿלייש. קומט ער צו צום שטיבעלע און זעט, אַז די טיר איז אָפֿן, גייט ער אַרײַן און כאַפּט זיך

(המשך אויף זײַט 5)

# ווי אַזוי אַ שנײַדערל איז געוואָרן אַ חזן

(המשך פֿון זײַט 4)

צו צום פֿלייש. אַז ער איז געוואָרן זאַט, בלײַבט ער ליגן. קומט אַראָפּ דאָס שנײַדערל פֿונעם בוידעם און פֿרעגט אים: „בערעלע, ווילסטו ווערן אַ קלעזמער?“ זאָגט דער בער: „יאָ, כ׳האָב דאָך אָבער קרומע פֿינגער אויף די הענט, וועל איך ניט קאָנען האַלטן דעם פֿידל“. זאָגט דאָס שנײַדערל: „קום, בערעלע, וועל איך דיר אויסגלײַכן די פֿינגער, וועסטו קאָנען שפּילן פֿידל“.

זײַנען זיי אַרויס אין דרויסן און דאָס שנײַדערל האָט דעם בער אַוועקגעפֿירט צו אַ דאָרף לעבן אַ מיל. דאָרט זײַנען געלעגן צוויי גרויסע שטיינער, קײַלעכדיקע און מיט שרויפֿן. זאָגט דאָס שנײַדערל צום בער: „לייג אַרײַן די הענט צווישן די שטיינער, וועלן זיי זיך אויסגלײַכן“. דער בער האָט אים געפֿאָלגט, האָט דאָס שנײַדערל גיך צונויפֿגעשרויפֿט די צוויי שטיינער, אַז דער בער האָט, נעבעך, ניט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט קיין פֿינגער. שטייט דער בער און ברומט. נו, ברומט ער!



דאָס שנײַדערל לויפֿט צוריק צו זײַן שטיבעלע, קריכט ווידער אַרויף אויפֿן בוידעמל און זינגט זיך:

זאָל איך ווערן אַ רבֿ,
קען איך ניט קיין תּורה;
זאָל איך זײַן אַ סוחר,
האָב איך ניט קיין סחורה.

דערווײַל איז דורכגעלאָפֿן אַ הונגעריקער פֿוקס, האָט ער דערשמעקט דאָס פֿלייש. קומט ער צו, זעט ער, אַז אין שטיבעלע איז קיינער ניטאָ. אַ פֿוקס איז דאָך אָבער קלוג, טראַכט ער זיך: „יאָ אַרײַנגיין, ניט אַרײַנגיין?“ דער הונגער טרײַבט אים צו דער אָפֿענער טיר, און דער גערוך פֿון פֿלייש ציט צו. גייט ער אַרײַן אינעם שטיבעלע און זעט, אַז פֿונעם פֿלייש איז שוין קיין סימן ניט געבליבן. אַלץ האָבן אויפֿגעגעסן די חיות, וואָס זײַנען געקומען פֿריִער. זיך אָנגעשמעקט, לאָזט דער פֿוקס זיך אַרויסגיין. לויפֿט פֿונעם בוידעמל אַראָפּ דאָס שנײַדערל, כאַפּט דעם פֿוקס פֿאַרן עק און זאָגט: „פֿיקסל, ווילסט ווערן אַ חזן?“ זאָגט דער פֿוקס: „ניין, כ׳וויל ניט, כ׳בין ניט אַזאַ נאַר!“ און מיטן גאַנצן כּוח גיט ער זיך אַ רײַס אַרויס און אַנטלויפֿט. דאָס שנײַדערל איז געבליבן שטיין מיטן עק אין די הענט.

דער פֿוקס לויפֿט אָן זײַן עק און קלערט, ווי אַזוי קאָן ער אָפּטאָן דעם שנײַדערל, יענער זאָל אים פֿאַרגעדענקען אויף לאַנג. אַליין דאָס טאָן איז ער ניט בכּוח, נאָר מיט זײַנע פֿרײַנד אין וואַלד, מיט די חיות, צוזאַמען וועלן שוין דעם שנײַדערל אָפּלערנען. אַזוי ווי ער לויפֿט, זעט ער, עס שטייט אַ פֿייגעלע. פֿרעגט אים דאָס פֿייגעלע: „וואָס לויפֿסטו אַזוי פֿאַרוויינט?“ זאָגט דער פֿוקס: „דאָס שנײַדערל האָט מיר אַרויסגעריסן דעם עק, ווײַל איך האָב ניט געוואָלט ווערן קיין חזן“. זאָגט דאָס פֿייגעלע צו אים: „זאָרג זיך ניט, ס׳איז דאָ אַ מיטל. גיי צום טײַכל און טונק זיך אײַן, וועט דיר אָנוואַקסן אַן אַנדער עק“.

לויפֿט דער פֿוקס צו צום טײַכל, טונקט זיך אײַן אין וואַסער און ס׳איז אים באַלד אָנגעוואַקסן אַן אַנדער עק, נאָך שענער ווי דער אָפּגעריסענער. לויפֿט ער ווײַטער אַ צופֿרידענער צונויפֿרופֿן זײַנע פֿרײַנד זיי זאָלן אין אײנעם אָנלערנען דאָס שנײַדערל. אַזוי ווי ער לויפֿט, זעט ער, ווי דער וואָלף שלעפּט זיך מיטן זאַק שטיינער אויף דער פּלייצע, קוים וואָס ער רירט זיך. פֿרעגט אים דער פֿוקס: „וואָס איז דאָס?“ דערציילט דער וואָלף וואָס דאָס שנײַדערל האָט מיט אים אָפּגעטאָן. צעלאַכט זיך דער פֿוקס: „אַ נאַר וואָס דו ביסט, דאָס שנײַדערל איז אַ רוצח! ער האָט זיך באַוואָרנט דו זאָלסט אים ניט אויפֿעסן“. און ער בינדט אים אָפּ דעם זאַק שטיינער פֿון דער פּלייצע. זיי לויפֿן שוין ביידע רופֿן די חיות אָנלערנען דאָס שנײַדערל.

(סוף אויף זײַט 6)

# אַ מאָדנע בוך

איז עס מעגלעך אָנצושרײַבן אַ גאַנץ בוך וועגן דעם הײַנטיקן מצבֿ פֿון דער ייִדישיסטישער באַוועגונג און ניט דערמאָנען דערבײַ די צײַטונג „פֿאָרווערטס", די אָרגאַניזאַציע „יוגנטרוף", די כּלערליי צונויפֿקומענישן פֿון יחידים וואָס האָבן ליב ייִדיש? עס לאָזט זיך אויס, אַז אַלץ איז מעגלעך, אויב מע לייגט צו אַזאַ עבֿודה באמת געניטע הענט. אַ בוך פֿון אַזאַ שניט איז טאַקע אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן געוואָרן. הייסן הייסט עס Twenty-First Century Yiddishism.

די מחברטע, טאַטיאַנאַ סאָלדאַט־יפֿה, האָט דאָס בוך (און פֿריִער די דאָקטאָר־דיסערטאַציע) געשריבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. איז עס, דאַכט זיך, אַ לאַנד, וואָס איז פֿול מיט געשעענישן, אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע קענען געבן גענוג סחורה פֿאַר אַ פֿאָרשונג פֿון ייִדישיזם. אַ באַזונדערן קאַפּיטל פֿאַרדינט די סבֿיבֿה, געשאַפֿן דורך „יוגנטרוף" (http://yugntruf.org) און „ייִדיש־ליגע" (www.leagueforyiddish.org). אָבער זיי זײַנען אַפֿילו ניט דער־מאָנט געוואָרן. אַ באַ־לערנדיקער קאַפּיטל קען אָנגעשריבן ווערן וועגן די ייִדישע קלובן (www.derbay.org), אָבער זיי האָבן לחלוטין ניט פֿאַראינטערעסירט די פֿאָרשערין. עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל צו דערוואַרטן אין אַ בוך מיט אַזאַ טיטל אַן אַנאַליז פֿון דער לאַנגיאָריקער גע־שיכטע פֿון ייִדישע זומער־פּראָגראַמען – אָבער ס'איז אַ פּוסטע טירחה צו זוכן אין דעם בוך כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן פֿענאָמען.




אַ סבֿרא, אַז דר. סאָלדאַט־יפֿה האָט געוואָלט געבן אַ בילד, וואָס כאַפּט אַרום ניט נאָר אַמעריקע, אָבער אויך אַנדערע לענדער. צוליב דעם האָט זי זיך געלאָזט פֿאָרן אַזש קיין דײַטשלאַנד. דאָ דערמאָנט זיך דער אַלטער אַנעקדאָט וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט געזוכט זײַן זייגער אונטער אַ סלופּ, אויף וועלכן עס האָט געברענט אַ לאָמפּ, כאָטש פֿאַרלוירן האָט ער דעם זייגער אונטער גאָר אַן אַנדערן סלופּ. אָבער דאָרטן, ווו ער האָט פֿאַרלוירן דעם זייגער, האָט דער לאָמפּ איבערגעברענט.

ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס פֿאַר אַ לאָמפּ האָט געברענט אין דײַטשלאַנד, אָבער דאָס איז זיכער געווען ניט דאָס וויכטיקסטע אָרט פֿאַר אַ פֿאָרשונג פֿון ייִדישיזם. בפֿרט נאָך, אויב מע זוכט דעם פֿאַר־איאָריקן שניי אין בערלין און מע כאַפּט זיך אַפֿילו ניט אַרײַן קיין האַמבורג, ווו עס פֿירט אַן אינטערעסאַנטע טעטיקייט די בירנ־בוים־געזעלשאַפֿט (www.birnbaum-gesellschaft.org). אָבער נאָך מער ייִדישיסטישע „סחורה" וואָלט מען געקענט געפֿינען אין פּאַריז, אין דעם באַרימטן „מעדעם־צענטער" (http://yiddishparis.com), און אין שטאָק־האָלם (www.jiddischforbundet.se).

וועגן וואָס זשע איז דאָס בוך? די פֿראַגע וועט בלײַבן הענגען פֿאַר יעדן איינעם, וואָס וועט פּטרן צײַט בײַם לייענען עס.

# ווי אַזוי אַ שנײַדערל איז געוואָרן אַ חזן

(סוף פֿון זײַט 5)

און אַזוי ווי זיי לויפֿן, דערזעען זיי, ווי דער בער שטייט מיט ביידע לאַפּעס פֿאַרקלעמט צווישן די גרויסע מיל־שטיינער און קען זיך, נעבעך, ניט אַרויסשלעפּן. פֿרעגן זיי אים: „וואָס איז דאָס?" דערציילט זיי דער בער ווי דאָס שנײַדערל האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ קלעזמער. צעלאַכן זיי זיך: „אַ נאַר וואָס דו ביסט, דאָס שנײַדערל האָט מורא געהאַט דו זאָלסט אים ניט צערײַסן אויף שטיקער מיט דײַנע נעגל, האָט ער דיר פֿאַרקלעמט די לאַפּעס". זײַנען זיי צוגעגאַנגען צום בער און אים געהאָלפֿן אַרויסשלעפּן די לאַפּעס פֿון די שטיינער. איצט זײַנען שוין אַלע דרײַ געלאָפֿן צום שנײַדערל אים אָנצולערנען.

אַז דאָס שנײַדערל האָט דערזען, ווי אַלע חיות לויפֿן צו אים מיט כּעס, האָט ער זיך בפֿירוש ניט דערשראָקן. ער האָט געטראַכט, אַז ערשט איצט וועט ער זיי אָפּנאַרן. וואָס טוט אַ שנײַדערל, וועלכער חלומט צו ווערן אַ חזן? ער שלעפּט אַראָפּ זײַנע הויזן, און טשעפּעט זיך הינטן צו צו דעם פֿוקסענעם עק. די חיות האָבן דערזען אַזאַ אויסטערלישע באַשעפֿעניש, האָבן זיי ניט געוווּסט וואָס צו טראַכטן. איידער וואָס און ווען, זײַנען זיי שוין צוריק אַנטלאָפֿן אין וואַלד אַרײַן.

אַז דאָס שנײַדערל איז געקומען צום באַלעבאָס אַהיים, און דערציילט אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין וואַלד מיט חיות, האָט אים דער באַלעבאָס געזאָגט: „איצט זע איך, אַז דו קאָנסט טאַקע זײַן אַן אמתער חזן!" איז דער באַלעבאָס געגאַנגען און האָט געמאַכט דאָס שנײַדערל פֿאַר אַ חזן אין אַ דאָרף צווישן גויים. אויב איר וועט וועלן אים הערן דאַוונען אויף די ימים־נוראָים, הייסט דאָס דאָרף כּירצאַ־פּירצאַ – און שוין!

# פֿאַרטײַטשן ייִדיש אין דײַטשלאַנד: אײַנדרוקן פֿונעם סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע לימודים

(המשך פֿון ערשטער זײַט)

דײַטש („אײַזנבאַן געשיכטעס“, 1995; „מאָנאָלאָגן“, 2003; „מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער“, 2010). גערנאָט יאָנאָס איז אַ פּענסיאָנירטער פּראָ־טעסטאַנטישער גלח, וואָס פֿירט אָן מיט אַ קרײַז (ס׳רובֿ פֿון זיי באַשטייען פֿון ניט־ייִדן), ווּ מע לייענט גמרא און אַנדערע ייִדישע טעקסטן. אויף מײַן פֿראַגע, פֿון וואַנען ווייסט ער ווי אַזוי איבערצוזעצן די רוסישע אויסדרוקן, וואָס טרעפֿן זיך גאַנץ אָפֿט בײַ שלום־עליכמען, ענטפֿערט ער, אַז צו זײַן גליק, פֿעלן ניט הײַנט קיין רוסיש־רעדנדיקע אין דײַטשלאַנד; דערצו האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פֿרוי פֿון אומאַן וואָס לעבט אין דײַטשלאַנד און העלפֿט אים אַרויס. ער באַדאַנקט אין זײַן לעצטער איבערזעצונג פֿון 2010 זײַן ערשטע ייִדיש־לערערין פּראָפֿעסאָר עריקאַ טים, הײַנט שוין אַ פּענסיאָנירטע, וואָס איז אויך דאָרט בײַגעווען.

זי האָט מיר דערציילט די געשיכטע פֿון די ייִדיש־לימודים אין דײַטשלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן כּמעט מיט פֿופֿציק יאָר צוריק מיט שלמה בירנבוים (1891–1989) – דער זון פֿונעם ייִדי־שיסט נתן בירנבוים – דער ערשטער פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש אין דעם האַמ־בורגער אוניווערסיטעט.

אויף דער ערשטער סעסיע, וואָס אַני־הקטן האָב זי רעפֿערירט („פּאָלי־טישע באַגעגענישן“), איז אויפֿגעטראָטן תּמר לעווינסקי פֿונעם באַזעל־אוניווער־סיטעט. זי האָט גערעדט וועגן „קלמן מאַרמאָרס סטודענטישע יאָרן אין דער שווייץ“. לעווינסקי האָט באַהאַנדלט די טעמע דורך קאָנצענטרירן זיך אויף דרײַ פֿאַרשידענע אַספּעקטן: דאָס ייִדישע אימיגראַנטישע לעבן פֿון מאַרמאָרן, זײַן משפּחה־לעבן און זײַן פּאָליטישע טעטי־קייט (אין יענער תּקופֿה, 1899–1901, האָט ער געהערט צו די סאָציאַליסטיש־ציו־ניסטישע קרײַזן).

נאַטאַליע קריניצ־קאַ פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז האָט איבערצײַגעוודיק באַוויזן די פֿון פֿינגער אויסגעזויגענע מיינונגען וועגן ייִדיש און ייִדן בײַ אַ פּאָר פּוילישע מחברים אין די יאָרן 1891–1921. די ייִדישע שפּראַך האָט פֿאַר אָט די מחברים ממש גע־שפּילט די ראָלע פֿון אַ פּאָליטישן קעגנער.




רות פֿאַן בערנוט פֿון צפֿון־קאַראָליינאַ אוניווערסיטעט רעדט וועגן די נאַראָנים פֿון כעלם

צו מאָרגנס, אויף אַן אַנדער סעסיע אינגאַנצן געפֿירט אויף ייִדיש, האָט שלמה בערגער פֿו־נעם אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט באַהאַנדלט דעם אונטערשייד צווישן „איבערזעצונג“ און „פֿאַרטײַטשונג“. ער האָט עס געטאָן דורכן אַנאַליזירן צוויי פֿאַרשידענע ווערסיעס פֿון שעקספּירס סאָנעטן אויף ייִדיש און דורך צוויי עסייען פֿון יעקבֿ גלאַטשטיין אויף דער טעמע.

מאַריאַן אַפּרוט האָט גערעדט וועגן שפּראַכיקע גילגולים פֿון אַ מיסיאָ־נערישער בראָשור „פֿון דײַטש ביז ייִדיש און ביז האָלענדיש“. צווישן אַנדערן, האָט זי באַוויזן ווי דער גאַנצער וויכוח וואָס מע פֿירט הײַנטיקע צײַטן אין דײַטשלאַנד וועגן דער געזעצלעכקייט פֿון ברית־מילה, רופֿט זיך אָפּ מיט די מיסיאָנערישע בראָשורן פֿון 18טן יאָר־הונדערט. איין אונטערשייד: אין פֿאַר־גלײַך מיט די פֿאַרגאַנגענע נעגאַטיווע אויסדרוקן מכּוח דער דאָזיקער ייִדישער „באַשנײַדונג־צערעמאָניע“, באַניצט מען זיך הײַנט ניט מיט קיין רעליגיעז טער־מינען, נאָר מיט מעדיציניש.

חייקע ברוריה וויגאַנד פֿון אָקספֿאָרד האָט פֿאַרגליכן די איבערזעצונגען פֿון באַשעוויסן אויף ענגליש, האָבנדיק אין זינען ממשיך צו זײַן די אַרבעט פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם דזשאָסעף שערמאַן. צווישן די פֿאַרכאַפּנדיקסטע רעפֿעראַטן איז געווען דער רעפֿעראַט פֿון אַלען טאָדרעס פֿון סקאָקי, אילינאָי (וואָס איז לאַ־עלינו קראַנק געוואָרן און געבעטן שמעון נויבערגן פֿאָרצולייענען זײַן רעפֿעראַט אַנשטאָט אים) וועגן דעם באָדער קלאַנג־אַרכיוו אין שיקאַגאָ. דער אַרכיוו באַשטייט פֿון רעקאָרדירטע עדות־זאָגן, אַ טייל פֿון זיי אויף ייִדיש, וואָס דוד באָדער האָט געמאַכט מיט די ניצול־געוואָרענע אין די „די־פּי“ לאַגערן. טאָדרעס האָט דעם אַרכיוו באַהאַנדלט ווי אַ מקור פֿאַר לינגוויסטישער פֿאָר־שונג, אָבער אויב מען וואָלט דער־גאַנצט די אַרבעט מיט טראַנסקריבירן די דאָזיקע רעקאָרדירונגען, וואָלט עס צוגעגעבן דער קאָלעקציע אַ וויכטיקן באַטײַט פֿון נאָך אַן אַ שיעור אַנדערע קוקווינקלען.

# אַ ייִדיש־סימפּאָזיום אין פּאַריז

דעם 12טן און 13טן נאָוועמבער ווערט אין פּאַריז דורכגעין אַ סימפּאָזיום געווידמעט ייִדיש. די איניציאַטיוו פֿון דורכפֿירן אַזאַ אונטערנעמונג איז געקומען פֿון דער פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון בני־ברית בײַ דער יונעסקאָ. לויט דעם, וואָס עס שטייט געשריבן אין דעם וועב־זײַטל פֿון אייראָפּעיִשן בני־ברית (www.bnaibritheurope.org/bbe),

B'NAI B'RITH EUROPE

באַקומט זיך, אַז די טוערס פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך פֿלוצעם דערוווּסט וועגן דעם שווערן מצבֿ פֿון ייִדיש, און די דאָזיקע – משמעות פֿרישע פֿאַר זיי – אינפֿאָרמאַציע האָט זיי ממש געריִרט. ווי אַ פּועל־יוצא, איז אויפֿגעקומען דער געדאַנק דורכצופֿירן אַ סימפּאָזיום.

אַזוי צי אַזוי, שאַט עס ניט, פֿאַרשטייט זיך, צונויפֿקלײַבן געלערנטע און קולטור־טוערס, געבן זיי אַ מעגלעכקייט זיך טיילן מיט זייער דערפֿאַרונג, פּראָבלעמען, אידעען. בפֿרט נאָך, אַז פּאַריז איז אַ גוט אָרט פֿאַר אַזאַ צונויפֿקומעניש. ערשטנס, איז עס פּשוט אַ שיינע שטאָט. צווייטנס, האָט עס דעם ייִדישן צענטער בײַ דער מעדעם־ביבליאָטעק. אָן דער דאָזיקער אינסטיטוציע וואָלט דאָרטן אַזאַ סימפּאָזיום אפֿשר ניט געהאַט קיין שום זין. יצחק ניבאָרסקי, די צענטראַלע פֿיגור אין דעם פּאַריזער ייִדישן צענטער, וועט עפֿענען די דאָזיקע אונטערנעמונג, אין וועלכער עס וועלן זיך באַטייליקן – ווי רעדנערס – אַ פּאָר צענדליק לײַט, סײַ היגע, פּאַריזער, סײַ געסט פֿון אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער, ווי אויך פֿון ישׂראל, אויסטראַליע און אַמעריקע. אָט ווי עס קלינגען די טעמעס פֿון אייניקע רעפֿעראַטן:

מאַריוש טוקײַ, אַ מיטאַרבעטער פֿון יונעסקאָ, וועט רעדן וועגן דער ראָלע פֿון ייִדישע איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן. זשיל ראָזיע, דער דירעקטאָר פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, איז אַ געלערנטער און אַ שרײַבער. ער וועט רעדן וועגן דעם אָרט, וואָס ייִדיש פֿאַרנעמט אין דער הײַנטצײַטיקער אימאַזשן־וועלט. קאַראָלינאַ שימאַניאַק אַרבעט אין דעם יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט אין קראָקע און גלײַכצײַטיק רעדאַקטירט זי דעם פּוילישן זשורנאַל „צווישן“, וועלכער איז געווידמעט דער ייִדיש־קולטור. זי וועט דערציילן וועגן דעם הײַנטיקן מצבֿ פֿון ייִדיש־שטודיעס אין פּוילן.




אין דעם סימפּאָזיום וועט זיך באַטייליקן אויך דער „פֿאָרווערטס“־זשורנאַליסט יואל מאַטוועיעוו. די טעמע פֿון זײַן רעפֿעראַט קלינגט אַזוי: „די ייִדישע פּרעסע און די לעקסיקאָגראַפֿישע מכשירים אויף דער אינטערנעץ“.

די פּרטימדיקע פּראָגראַם פֿון דעם סימפּאָזיום קען מען זען אויף דער אינטערנעץ:

http://yiddishparis.com/wp-content/uploads/2012/08/prog-colloque-web.pdf






מיכאל זשוואַנעצקי איז דער באַקאַנטסטער רוסישער הומאָריסט. ער שטאַמט פֿון אָדעס, וואָס מע האַלט אין דער רוסישער קולטור פֿאַרן הויפּט־צענטער פֿון הומאָר. מיר ברענגען דאָ עטלעכע אַרויסזאָגונגען פֿון זשוואַנעצקי:

מע דאַרף ניט זײַן גרויס צו האָבן אַ גרויסקייט־משוגעת. ס'איז גענוג צו זײַן משוגע.

אין דעם פּאַפּירל, וואָס איך האָב געדאַרפֿט פֿאַרפֿילן פֿאַר דער אָפּעראַציע, איז געשטאַנען געשריבן: „ווען מען זאָלן מיר קאָנטאַקטירן אין אַ נויטפֿאַל?“ האָב איך אָנגעשריבן: „אַ דאָקטער וואָס האָט אַ בעסערע קוואַליפֿיקאַציע“.

ס'איז אַוודאי גוט צו לעבן ביז 120 יאָר. אָבער ווי נעמט מען אַזוי פֿיל געלט?

טאָמער אײַערע קרובֿים און פֿרײַנד טעלעפֿאָנירן ניט אײַך אין משך פֿון אַ לענגערער צײַט, הייסט עס אַז בײַ זיי איז אַלץ כּשורה!

ס'איז בעסער צו מאַכן אַ שווײַג און אויסזען ווי אַ נאַר, איידער צו עפֿענען דאָס מויל און ניט איבערלאָזן קיין שום ספֿקות וועגן זיך.

אַ מאָל בין איך געווען יונג און שיין, איצט בין איך נאָר שיין.

אַלע גאוניאַלע מענטשן זײַנען שוין געשטאָרבן, און איך פֿיל זיך אויך ניט זייער גוט.